**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער HOCHUL (האקול) פארזיכערט פייער פארוואלטונג הילף גרענט דעקלעראציע פון FEMA צו שטיצן אנגייענדע אפעראציעס צו באקעמפן דשענינגס קריק/סטערלינג סטעיט פארק וואלדפייער**

***דעקלעראציע עפנט געלעגנהייטן צו באקומען פעדעראלע גרענט פינאנצירונג צו שטיצן אנגייענדע אפעראציעס צו באקעמפן וואלדפייערן***

***דשענינגס קריק/סטערלינג סטעיט פארק פייער איז די גרעסטע אין סטעיט זינט אמווייניגסטנס 2008***

***די בורן באן לענגאויס די סטעיט בלייבט אין קראפט; "זייער הויכע" פייער געפאר פאר לאנג איילענד און הודסאן וועלי***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט פארזיכערט א פייער מענעדשמענט גרענט דעקלעראציע פון FEMA וועלכע עפנט די טיר צו פעדעראלע פינאנצירונג וואס וועט דעקן אביסל פון די קאסטן וואס זענען פארבינדן מיט די אנגייענדע באמיאונגען צו באקעמפן די דשענינגס קריק/סטערלינג סטעיט פארק (Jennings Creek/Sterling State Park) וואלדפייער. די דעקלעראציע ברענגט א פארשנערטע איבערזיכט פראצעדור וואס קען פירן צו FEMA גרענט הילף באזירט אויף אן אנגייענדע נישט-קאנטראלירטע פייער שאפנדיג א באדייטנדע דראאונג פון פארניכטיגונג. פינאנצירונג פון די גרענט וועט ענטשעדיגן די סטעיט און לאקאלע רעגירונגען פאר אביסל פון די קאסטן פארבינדן צו באקעמפן די פייער פון ארבעט קאסטן צו געמיינזאמע הילף אפעראציעס.

"די פייער מענעדשמענט הילף גרענט דעקלעראציע עפנט די טיר צו קריטישע פעדעראלע פינאנצירונג צו הלעפן דעקן קאסטן פארבינדן מיט אפרופן צו די דשענינגס קריק/סטערלינג סטעיט פארק וואלדפייער און באשיצן די וואס זענען אין איר וועג," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "צוזאמען מיר אונזערע פארטנערס אין פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע רעגירונגען, ארבעטן מיר ארום די זייגער איינצוהאלטן די פייער און האלטן ניו יארקערס פארזיכערט."

דעקלעראציעס פאר פייער מענעדשמענט גרענט דעקלעראציע ( Fire Management Assistance Grant Declaration, FMAG) גרענטס זענען באזיכט אויף פיר פאקטארן - דראאונגען צו לעבנס און פראפערטי, עוועילעביליטי פון סטעיט און לאקאלע ריסאורסעס, הויכע פייער געפאר אומשטענדן און פאטענציאלע עקאנאמישע ווירקונג. נאכצוקומען די שוועל פאר די גרענט, מוז די סטעיט וויזן אז די סך הכל בארעכטיגטע קאסטן קומען אן אדער שטייגן איבער 1.85 מיליאן דאלאר. בארעכטיגטע קאסטן נעמען אריין ארבעט; רייזע און פער טאג; צייטווייליגע פארריכטונגען פון שאדן געשאפן דורך פייערבאקעמפנדע אקטיוויטעטן; געמיינזאמע הילף און מאביליזאציע און דימאביליזאציע.

לענגאויס די סטעיט זענען יעצט דא דרייצן וואלפייערן אין ניו יארק סטעיט ארומנעמענדיג מער ווי 5,000 עיקער אריינרעכנענדיג די דשענינגס קריק/סטערלינג סטעיט פארק פייער. אפרוף צו ניו יארק'ס לעצטיגע וואלדפייערן האבן אריינגענומען:

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג**

דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) וואלד קעמפער פירן ווייטער אן ניו יארק'ס מולטי-אגענטור אפרוף צו וואלדפייערן אין דשענינגס קריק/סטערלינג פארעסט סטעיט פארק אונטער Unified Command מיט ניו דשערזי וואלד פייער סערוויס. ביז יעצט, זענען 33 DEC וואלד קעמפער, ווילדערניש פייערלעשער, און אנדערע שטיצע ארבעטער, אין צוגאב צו 18 פייערלעשער פון מאנטאנא, צוויי פון קאלאראדא, און הונדערטער פון ניו יארק-באזירטע וואלונטירן, געשטעלט געווארן צו די פייער. באלד 4,800 עיקער לענגאויס ניו יארק און ניו דשערזי זענען פארברענט געווארן און DEC וועט ווייטער איינפירן אפעראציעס מיט פארטנערס ביז די פייער איז אינגאנצן אויסגעלאשן.

מער ווי צוועלף אנדערע פייערס לענגאויס די סטעיט זענען אויך אדרעסירט געווארן דורך DEC און עמערדשענסי אפרוף פארטנערס דורכאויס די פארלענגערטע צייט אפשניט פון טרוקענע וועטער.

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**

- די NY פייער מאביליזאצעי און געמיינזאמע הילף פלאן ( NY Fire Mobilization and Mutual Aid Plan) איז אקטיוויזירט געווארן צו העלפן אראנדש קאונטי און די OFPC פייער אפעראציע צענטער איז אקטיוויזירט געווארן זינט די וויקענד. מיט די ריסאורסעס און אנדערע לאקאלע שטיצע, האבן 152 דעפארטמענטס זיך אפגערופן מיט איבער 650 פייערקעמפער.
- NYS אינצידענט מענעדשמענט טיעם מיטגלידער האבן צוגעשטעלט דירעקטע הילף מיט GIS, לאגיסטיקס און פינאנץ און א 12-מענטשן שטאב שטיצט יעצט קאארדינאציע אויפן פלאץ.
- מער ווי 15 איינגעשטעלטע פון די אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל ( Office of Fire Prevention and Control), אפיס פון עמערדזשענסי פארוואלטונג ( Office of Emergency Management) און אפיס פון מיטארבעטנדע און עמערדזשענסי קאמיוניקאציעס ( Office of Interoperable and Emergency Communications) האבן צוגעשטעלט שטיצע צו פייער אפעראציעס אין אולסטער און אראנדש קאונטיס זינט די פארלאפענע וויקענד.
- קאמיוניקאציע שטיצע האט אריינגענומען קאמיוניקאציע אינדשינירן, פארטאבל ראדיא טאוער, סעטעלייט קאמיוניקאציעס טראק מיט נאך געצייג, און קאארדינירט אן AT&T/FirstNet געשטעל אויף רעדער וואס געבט סעלפאון סערוויסעס אריינגערעכנט מעגליכקייט צו רופן 911.
- OEM האט קאארדינירט לענגאויס די סטעיט אגענטורן צו אדרעסירן אפרוף מעגליכקייטן
- זאכן פון די סטעיט'ס סטאק אריינגערעכנט 225 בעטן

**ניו יארק סטעיט פאליציי**

- עטליכע העליקאפטערס האבן דורכגעפירט ארום 300 וואסער אראפלאזונגען.
- אן-מענטשן לופט סיסטעמען (דראונס) קוקן נאך די פארשפרייטונג פון די פייער און פייערקעמפונג באמיאונגען.
- טרופערס אין אוניפארם העלפן מיט גאסן פארשליסונגען/טרעפיק קאנטראל.
- קאמענד פאסט סטעפינג

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג ( New York State Office of Parks, Recreation and Historic Preservation)**

- 22 אפעראציעס איינגעשטעלטע
- 2 OPRHP דאזער מיט ארבעטער

- 2 פאבליק אינפארמאציע אפיצירן
- 4 ראיאנישע עמערדשענסי מענעדשערס
- 6 פארק וואלד קעמפער
- 9 פארק פאליציי אפיצירן
- 1 פארק פאליציי סערדשענט
- 2 פארק פאליציי ליוטענאנטן
- 1 פארק פאליציי קעפטעין
- 2 פארק פאליציי מעיארס
- 1 פארק פאליציי טשיעף

אן אפעראציעס איינגעשטעלטע איז פאטאל געשעדיגט געווארן ווען ער האט געהאלפן אום נאוועמבער 10.

**דיוויזיע פון מיליטער און נעיווי פלאטע אנגעלעגנהייטן (Division of Military and Naval Affairs)**

- 2 נאציאנאלע גאורד בלעקהאווק (National Guard Blackhawk) העליקאפטערס און 8 לופט-שטאב
- 2 טשינוק (Chinook) העליקאפטערס

**אפטיילונג פון קארעקשאנס און געמיינדע באוואכונג (Department of Corrections and Community Supervision)**

- 20-פערזאנען קריזיס שטאב

**טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation)**

- 4 בולדאזערס

ווען צו פארמינערן רויעך אויסגעשטעלטקייט נעמען אריין:

- זייט אויף די וואך איבער אייער לופט: איידער איר גייט ארויס צו די ארבעט, איבונגען אדער צו די פארק מיט די קינדער, קוקט איבער די AQI פארשאצונג און טוישט אייער דרויסנדיגע אקטיוויטעטן אויב עס איז דא שוואכע לופט קוואליטעט. פלאנט פאראויס דורך זיך איינשרייבן צו באקומען אימעיל לופט קוואליטעט ווארענונגען.
- בלייבט אינעווייניג: האלט פענסטערס און טירן פארמאכט אז די לופט אינערווייניג זאל בלייבן ריין. אויב רויעך דרינגט אן אינערווייניג, דאן קויפט אדער מאכט אייער אייגענע רוקעדיגע לופט רייניגער צו פארמינערן פארפעסטיגונג אינעווייניג, אדער נוצט HEPA לופט פילטערס אין אייער HVAC סיסטעם.
- טראגט א מאסקע: אויב איר מוזט ארויסגיין, קען א גוט צוגעפאסטע N95 מאסקע רייניגן גרויסע רויעך פארפעסטיגונגען, און פארמינערן די צאל פון PM וואס איר אטעמט אריין.
- זייט רואיג: האלט זיך צוריק פון שטארקע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן וועלכע קען אייך ברענגען צו אטעמען שווערער.
- באשיצט די עמפינדליכע: קעירנעמער פון קינדער, עלטערע מענטשן און מענטשן מיט אסטמא זאלן זיין עקסטער פארזיכטיג. ווען די AQI איז הויעך, מאכט זיכער צו באגרעניצן זייערע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן זיי צו האלטן פארזיכערט.
- נעמט קעיר פון פיר-פיסיגע פריינט: האלט די צייט אינדרויסן מיט אייער שטוב-חיה קורץ און לייכט זיי צו באשיצן פון די זעלבע נאז, אויגן, האלז, און לונגען אומבאקוועמליכקייטן וואס אסאך מענטשן שפירן.

- פאר מענטשן וועלכע פארברענגען צייט אינדרויסן, ווען לופט קוואליטעט איז נישט געזונט, איז רעקאמענדירט צו טראגן א גוט-געפאסטע מאסקע. N95 אדער KN95 וועט ארבעטן די בעסטע. מער אינפארמאציע איבער די פאראויסגעזאגטע לופט קוואליטעט אין ניו יארק סטעיט איז צו באקומען דא. צו זעהן אייער לאקאציע'ס יעצטיגע לופט קוואליטעט, גייט צו www.airnow.gov.

ניו יארק סטעיט האט איינגעפירט א בורן בען (burn ban) לענגאויס די סטעיט אין קראפט ביז נאוועמבער 30 צוליב פארגרעסערטע פייער ריזיקע. די בורן בען פארבאט אנצוצינדן דרויסנדיגע פייערס לענגאויס די סטעיט פאר צווענן פון ברוש און אפפאל באזייטיגונג, ווי אויך נישט איינגעהאלטענע קעמפ-פייערן, און אפענע פייערן גענוצט צו קאכן. בעקיארד פייער לעכער און איינגעהאלטענע קעמפייערן ווייניגער ווי דריי פיס אין די הייך און פיר פיס אין די לענג, ברייט אדער דיאמעטער זענען ערלויבט, ווי אויך קליינע, איינגעהאלטענע קאכן פייערן. פארברענען מיסט אדער בלעטלעך איז פארבאטן א גאנץ יאר אין ניו יארק סטעיט און עטליכע מוניסיפילטיס האבן יעצט בורן בענס אין קראפט.

היינט, איז די הודסאן וועלי און לאנג איילענד פייער געפאר געהעכערט געווארן צו "זייער הויך;" די קעטסקיל, העכערע הודסאן וועלי/טשעמפלעין, סט. לאורענס, און לעטערסטאקינג (Catskill, Upper Hudson Valley/Champlain, St. Lawrence, and Leatherstocking) געגנטער זענען "הויך;" אדיראנדאק, היי פיקס, לעיק אנטאריא און סאוטערן טיער (Adirondack, High Peaks, Lake Ontario, and Southern Tier) זענען יעצט אין א מיטלמעסיגע ריזיקע פאר פייערן. מען קען געפונען נאך אינפארמאציע איבער פייער געפאר שטאפלען אויף DEC'ס פייער געפאר מאפע וועבזייטל.פייערן קענען ווערן ערנסט און שווער צו ברענגען אונטער קאנטראל אויב זיי ווערן נישט אטאקירט מיט הצלחה בשעת עס איז נאך קליין.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן